טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר המחזקים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח • גליון 149 • פנחס-מטו״מ • שנת תשפ״ה






ה גאון רבי שמעון שוואב זצ״ל האָט פאַרציילט אז זייענדיג א יונגער בחור האט ער אמאל געהאט די זכי׳ צו באזוכן דעם חפץ חיים זצ״ל, וועלכער איז שוין דעמאלט געווען אין די טיפע עלטערע יארן.

איידער ער האט זיך געזעגנט, האט אים דער חפץ חיים געזאגט: ״ווייסטו פארוואס איך בין א כהן און דו ביסט נישט? ווייל פאר דריי טויזנט יאר צוריק, ווען משה רבנו האט אויסגעשריגן ׳מי לה׳ אלי׳, האט מיין זיידע, פון שבט לוי, זיך צוגעשטעלט און געענטפערט דעם רוף, אבער דיין זיידע איז נישט געקומען״...

און דער חפץ חיים האט אויסגעפירט מיט מורא׳דיגע ווערטער:

״פארוואס זאג איך דיר דאס? זאלסטו וויסן אז אין יעדן דור איז דא א געלעגנהייט ווען דער רבוש״ע שרייט נאכאמאל ׳מי לה׳ אלי׳. און אויב א איד האט שכל קען ער דעמאלט באקומען אן אייביגע מתנה, פאר זיך און פאר זיינע דורות. ווען דו הערסט אמאל דעם רוף אין דיין הארץ, לויף שנעל צו ענטפערן! זע נישט צו פארפאסן די געוואלדיגע נצחיות׳דיגע געלעגנהייט!״

• • •

ווי אקטועל זענען די הייליגע ווערטער, אין א וועלט פון תשפ״ה, וואו יעדעס מאל ווען א איד טרעט נאר ארויס פון די אייגענע ד׳ אמות באגעגנט ער זיך מיט א מבול פון נסיונות. ס׳איז א דור וואס פון יעדעס ווינקל שרייט זיך ארויס דער הימלישער רוף ׳מי לה׳ אלי׳!

דער רבוש״ע קוקט ארויס אז אידישע קינדער זאלן אים ממליך זיין; מ׳זאל זיך שטארקן, פארמאכן די אויגן און זיך אפהיטן צו פארבלייבן ריין און הייליג. אונזער אויפגאבע איז בלויז צו דערהערן אט דעם הימלישן כרוז, און זיך צוכאפן דערצו. לאמיר באקומען די אייביגע מתנה! ס׳איז פאר אונז און פאר אונזערע דורות לנצח נצחים!

## זכות הגליון

נתנדב ע״י הרבני הנגיד
הרה״ח ר **יודא ווייס** הי״ו
לע״נ הרה״ק **בעל אור החיים הק** זצוק״ל
**רבינו חיים ב״ר משה ן׳ עטר**
יארצייט ט״ו תמוז
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

## זכות הפצת הגליון

נתנדב לע״נ
הר״ר **ישראל יקותיאל יהודה** ב״ר **דוב** ע״ה
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

זומער תשפ״ה:
יעדער בחור נעמט א קבלה.
ספעציעלע שמירת עינים בחורים פראגראם!
לייענט אלע פרטים אויף זייט 3

גיימיר טון למעשה;
יעדער ווערט א מְזַכֶּה!




# די צווייטע תכלית פון נסיונות. 3

לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם:

## די נסיונות פון '25 למספרם - די שפיץ תכלית פון קבלת התורה

### פארוואס האט השי"ת געוואלט געבן די תורה פאר די גוים?

חכמינו ז"ל פארציילן אז ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר אידן, איז ער צוערשט ארומגעגאנגען צו אלע פעלקער, צו די בני ישמעאל, בני עשו, א.א.וו. און זיי געפרעגט אויב זיי ווילן נעמען די תורה. יעדע פאלק האט געפרעגט: וואס שטייט דארט? און השי"ת האט געענטפערט פאר יעדע פאלק איין מצוה וואס איז פאר זיי די שווערסטע נסיון. לא תרצח, לא תגנוב, לא תנאף, א.א.וו. צוליב דעם האבן די גוים דאס טאקע אפגעזאגט.

לכאורה דארף מען פארשטיין: אידישע קינדער זענען געווען אין גלות מצרים וואו מ'האט זיי אנגעגרייט צו באקומען די תורה. השי"ת זאגט פאר משה רבינו: 'בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה'. און **דא פלוצים, ווען מ'האלט שוין ממש בעפאר קבלת התורה**, זאגט דער אויבערשטער: "איין מינוט, אפשר איז דא איינער אנדערש וואס וויל עס האבן". דאס איז דאך נישט געווען קיין גוים... דער רבוש"ע האט באמת פארגעשלאגן פאר די פעלקער צו נעמען די תורה. **אויב וואלט זיי עס אנגענומען, וואלטן זיי עס באקומען.** פארוואס איז מען אין דער לעצטער מינוט וועקגעגאנגען פון אידן?

נאך איז שווער: אויב השי"ת האט טאקע געוואלט געבן די תורה פאר די אומות העולם, **פארוואס ווען זיי פרעגן וואס עס שטייט דארט, זאגט ער זיי די שווערסטע זאכן?** די תורה האט טאקע א 'לא תגנוב' מיט א 'לא תרצח', אבער ווי נישט ווי, האט די תורה גאנץ פיינע זאכן אויך... גיב זיי די פארקערטע זייט אויך. פארצייל זיי אז ס'איז דא אנדערע געשמאקע מצוות; ס'איז דא נסיעות צו מקומות הקדושים... פארוואס האט מען געזאגט פאר די גוים נאר די שווערע חלקים?!

### דער ענטפער פון משה רבינו אויף די הימלישע טענה

דער שפת אמת איז דאס מסביר, לויט ווי די גמרא פארציילט, אז ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען אין הימל נעמען די תורה, האבן די מלאכים געהאט א טענה צו השי"ת: **דו גיבסט אוועק די תורה פאר מענטשן פון בשר ודם?** תנה הודך על השמים! גיב עס פאר אונז! **רבוש"ע, מיר גייען דיר דעליווערן אן ארבעט מיט אלע פיטשעווקעס.** דאס בעסטע וואס א מענטש קען צושטעלן איז נישט קיין ברעקל וואס א מלאך קען צושטעלן. לאז די תורה פאר אונז דא אין הימל!

האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו: נו, ענטפער זיי א תירוץ. און משה רבינו האט זיי געזאגט: איך פארשטיי נישט, איר מלאכים דארפט האבן א תורה? כלום יצר הרע יש ביניכם? **איר האט שוין אמאל טועם געווען א טעם פון א נסיון?**

### מ'דארף נישט קיין עבודה פון מלאכים

אין דעם תירוץ פון משה רבינו ליגט א טיפערן דערהער: אויב די מלאכים וועלן מקיים זיין די תורה, איז דאס פונקט אזוי ווי אין קעניגליכן פאלאץ שטייט איינער פון די שרי המלך נעבן דעם קעניג'ס שטול און ער זאגט: 'יחי המלך'. ס'איז זייער שיין צו ארויסציייגן געטריישאפט ווען מ'איז נאנט צום קעניג, אבער **ס'איז אסאך חשוב'ער ווען ס'שטייט א קינד פונעם מלך, ווייט אוועק,** ער מוטשעט זיך אין די בלאטעס, און ער זאגט: "קעניג טייערער, שיק מיר ארוין וואו דו ווילסט, איך בין גרייט צו גיין אין די טיפסטע פלעצער פאר דיינעט וועגן".

דאס האט משה רבינו גע'טענה'ט: רבוש"ע, דו האסט דאך באשאפן א וועלט כדי צו מאכן א דירה דא אונטן. **דאס קען נישט אויסגעפירט ווערן דורך די מלאכים וואס זיצן אויבן אין הימל.** נאר דוקא דורך די מענטשן וואס מוטשן זיך מיט'ן יצר הרע אין דער פינסטערער וועלט.

### וויפיל נידריגער, אזויפיל מער נחת רוח

אצינד, נאכדעם וואס משה רבינו האט געענטפערט דעם תירוץ, האט השי"ת געזאגט: **משה, דו ביסט דאך זייער גערעכט, אויב אזוי לאמיר אפשר גיין נאך טיפער.** אידישע קינדער זענען טאקע מענטשן וואס לעבן אויף דער וועלט, אבער למעשה זענען זיי דאך קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, זיי זענען העכערע סארט מענטשן. טאמער איך וועל געבן די תורה פאר די בני ישמעאל און די בני עשו, וואס זיי זענען די נידריגסטע בריאים אויף דער וועלט, חמורים ממש, **וועט די 'דירה בתחתונים' זיין נאך אסאך טיפער!** ווייל די גוים וועלן אראפברענגען די תורה נאך ווייטער ביז אין זייער פלאץ, און אזוי וועט די אויפטוה פון דער בריאה זיין אסאך מער.

דערפאר איז השי"ת ארומגעגאנגען צו די פעלקער אנטראגן די תורה. און ווען זיי האבן געפרעגט וואס עס שטייט דארט, האט ער זיי געזאגט זייער שווערסטע נסיון, ווייל דאס איז געווען די ציל דא. דער רבוש"ע האט געפרעגט: **דו ווילסט עס טאקע האבן?! דו קענסט אריינברענגען די תורה ביז דיין 'לא תרצח'?!**

אבער די גוים האבן דאס אפגעווארפן. זיי זענען נישט געווען גרייט דערויף. איז השי"ת צוריקגעקומען צו כלל ישראל. אויב ס'גייט נישט אזוי טיף, וועלן עס אידן באקומען, און מיר האבן טאקע מקבל געווען די תורה.

### מ'שיקט אונז דירעקט אראפ טיף

דער רבוש"ע האט דאך אבער פארט געוואלט, אז די תורה **זאל יא אנקומען צו די טיפסטע פלאץ פון דער בריאה.** מ'קען זיך פארשטעלן אז ווען די גוים וואלטן מקבל געווען די תורה, וואלט די תורה זיך געפינען אין אזא נידריגקייט, אין א 'תחתונים' ממש. אבער אצינד ווען זיי האבן עס נישט גענומען, וויל נישט דער רבוש"ע פארלירן פון דעם נחת רוח, אז מ'זאל היטן די תורה דוקא אין דעם נידריגסטן פלאץ אין דער בריאה.

דעריבער זאגט השי"ת פאר אידן: ס'וועט נישט זיין קיין ברירה. די גוים האבן עס נישט געוואלט נעמען. איך גיב ענק די תורה, **אבער איך וועל ענק אריינשיקן ביז די מערסט טונקעלע און גוי'אישע פלעצער,** כדי איר זאלט מיר מאכן דארט א וואוינארט!

דאס איז אזויוי א קעניג זאגט פאר זיינע באליבטע קינדער: קינדערלעך טייערע, כדי איך זאל קענען געוואונען די מלחמה, דארף איך האבן מענטשן וואס זאל קריכן אין די טיפע בלאטעס, אבער **כ'האב נישט קיין אנדערע סאלדאטן וואס זענען גרייט דאס צו טון פאר מיר.** איך וועל ענק מוזן דארט אריינשיקן, ווייל נאר אזוי קען מיין רצון אויסגעפירט ווערן.

## אין די גרעסטע טומאה – ארויסברענגען דאס גרעסטע תכלית

זאגט דער שפת אמת, אז דאס שטייט אין פסוק (תהלים קיא, ו): **כח מעשיו הגיד לעמו** - ווען השי"ת האט געגעבן די תורה פאר זיין פאלק, איז נישט געווען קיין ברירה נאר: **לתת 'להם' נחלת גוים.** דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די נחלה פון די גוים! מיינע טייערע קינדער, איר גייט מוזן אנקומען קיין פוילן, קיין אונגארן, קיין רוסלאנד, **ווייל איר גייט דארפן מקדש זיין די גאנצע וועלט.** ביים ענדע פונעם גלות וועט איר אויך דארפן אנקומען ביז אמעריקע, און זיך געפינען אין די טיפענישן פון דער 'נחלת גוים', **לעבן צווישן גוים, לעבן ארומגענומען מיט דעם געמיינעם גוי'אישן קולטור,** און דארט וועט איר מאכן פאר מיר א 'דירה בתחתונים'!

דער רבוש"ע האט אונז דירעקט אריינגעלייגט אין אזא שפל'דיגן דור, וואו מ'איז געצווינגען צו לעבן צוזאמען מיט די ביטערע נסיונות פון דעם גוי, ווייל טאמער מען פירט זיך דא אויף הייליג און ריין, **דעמאלט איז דאס די גרעסטע 'דירה בתחתונים'! דאס איז די טיפסטע 'תחתונים'** וואו מ'קען נאר אנקומען, און טאקע דא בויען מיר אויף א פלאץ פאר די שכינה. דאס איז די תכלית פון דער גאנצער קבלת התורה!

**בְּהִרְכִּי וּבְקַשְׁתִּי- בְּצַלּוֹתִי וּבְכַוָּנָתִי:**

# די מאכטפולסטע וואפן קעגן דעם מלחמת היצר

## תפלה און נאכאמאל תפלה, צופרי און ביינאכט

ווען מ'רעדט וועגן אונזער גרויסע שליחות אנבאלאנגט שמירת עינים, איז כדאי צו מעתיק זיין דאס הייליג לשון פון **ספר חרדים**, וואס געבט אונז א הדרכה ישרה וויאזוי טאקע צו ארויסגיין זיגרייך אין דער גרויסער מלחמה, וזה לשון

>>> המשך אויף זייט 7


# יעדער בחור נעמט א קבלה.

בס"ד וועט במשכן זומער פארקומען א

### ספעציעלע שמירת עינים בחורים פראגראם

ווי יעדער וואס שטייגט אין שמירת עינים וועט אריינגיין

### אין גאר ווערדפולע גורלות

**אויסוואל פון קבלות:**

1. **נישט קוקן אויף פרויען** און אויב מ'האט בטעות געזען, שנעל אוועקקוקן. **קלארשטעלונג:** דער איסור פון הסתכלות בנשים איז א חיוב גמור מן התורה, די קבלה איז נאר כדי זיך מחזק צו זיין אין דאס וואס מ'איז סיי ווי מחויב צו טון.
2. **אראפקוקן ביים גיין אין גאס** אפילו א חלק פונעם טאג, צוביסלעך קען מען שטייגן!
3. **נישט אריינקוקן אין קאַר'ס**
4. **אויסטון די גלעזער** אויף גאסן וואס האבן נסיונות
5. **נישט ארויסקוקן פון פענסטער פון א באס/קאר** אויף גאסן וואס האבן נסיונות

טייערע בחור! הענג אויף דעם צעטל אין דיין ישיבה/ביהמ"ד און גיי אריין נאכאמאל אינעם גורל!

**סדר פונעם פראגראם:**

- וועל אויס איינע אדער מערערע פון די קבלות אין שמירת עינים וואס איז פאסיג פאר דיר. עס מוז נישט זיין יעדן טאג די זעלבע קבלה.
- יעדן טאג וואס איז אדורך מיט הצלחה קענסטו נאכאמאל אריינגיין אינעם גורל - יעדן טאג איז א עקסטערע חשבון פאר זיך!
- אויב נעמסטו מער ווי איין קבלה, קענסטו אריינגיין פאר יעדע קבלה עקסטער אינעם גורל.
- יעדן סוף טאג רוף אריין 'טהור עינים' און לאז א מעסעדזש אז דער טאג איז אדורך בשלום - מיט דעם וועסטו אטאמאטיש נאכאמאל אריינגיין אינעם גורל.
- מען דארף לאזן א באזונדערע מעסעדזש פאר יעדן טאג עקסטער, און פאר יעדע קבלה עקסטער.
- אויב איז אדורך א גאנצע וואך מיט די קבלה, קענסטו נאכאמאל אריינגיין אינעם גורל.
- געדענק צו זאגן אינעם מעסעדזש דיין נאמען, טעלפאן נומער, שטאט, און די נומער פון די קבלה.
- מ'וועט מפרסם זיין די געווינער'ס דא אינעם גליון, אזוי אויך וועט מען עס קענען הערן אויפ'ן טעלעפאן.

**ווערטפולע גורלות:**

יעדע סוף וואך וועט פארקומען **א גורל פון $100**

סוף זומער וועט זיין 100 גורלות! **פונעם הערליכן באנד תנה בני**

**יונגעלייט וואס ווילן מיטהאלטן דעם פראגראם, קענען זיך אויך אנשליסן**

**געווינערס**

**פרשת חוקת**
הבה"ח **אברהם** ב"ר יצחק **פייערשטיין** נ"י
קרית יואל
לומד בישיבת אור החיים קרית יואל
זכות השבוע נתנדב ע"י הר"ר **יואל ראזענטאל** הי"ו • לאנדאן

**פרשת בלק**
הבה"ח **אליעזר חיים** ב"ר יושע מרדכי **מאשקאוויטש** נ"י
מאנטיסעלא
לומד בישיבת דברי חיים קרית יואל
זכות השבוע נתנדב לע"נ ר' **משה** ב"ר בנציון **וועבערמאן** ע"ה - יארצייט ט"ו תמוז

מיטצוהאלטן דעם פראגראם אויפן טהור עינים ליין:
**845.999.4114**
הערט כסדר'דיגע אפדעיט'ס אויפן טעלעפאן!

דערנאך דרוקט עקס. 1 ← 8
בחורים פראגראם אפטיילונג

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

חדשי העינים קאמפיין תשפ"ה

# איין שלעכטן בליק

מדה
טובה
מרובה

האט נישט קיין שאץ, וויפיל
עס קען חס ושלום שאטן און
צוגרינד לייגן לעולמי עד.



NUAH 845.513.0001

# איין
# זיכוי
# הרבים

ר זיין אידן צו היטן די אויגן האט
אודאי נישט קיין שאץ.

ויפיל בעלי בתים, יונגעלייט, און
בחורים, ס'ראטעוועט ממש!

## א 'מזכה' געבט $25 לחודש

צו העלפן פארשפרייטן שמירת
עינים ביי כלל ישראל, און איז א
ריכטיגע מזכה את הרבים

מיר ווארטן אויף
אייער טעלעפאן רוף!

**845.999.4114**

| | | |
|---|---|---|
| $600 עמוד בגליון | $360 2000 גליונות | $180 1000 גליונות |

$25 לחודש
מזכה



כל המזכה את הרבים
אין חטא בא על ידו

מזכה

$25 לחודש

# עצות און אויפפאסונגען

**איבערגעגעבן דורך: ישראל קדושים, פון זייער אייגענע ערפארונג**

## באשיצן די אויערן מיט 'עירפאונס'

בנוגע די עצה וואס איינער האט געשריבן אז ווען מ'דארף גיין צו א דאקטערס אפיס וכדומה, זאל מען מיטנעמען א ספר אדער ביכל צום ליינען. וויל איך צולייגן אז צומאל איז דאס נישט גענוג, ווייל די ארומיגע גוים האבן מיט זיך זייערע אייגענע כלים, וואו מ'קען הערן וואס מ'דארף נישט. אויך די גרויסע סקרינס קענען צומאל האבן אויך 'סאונד' מיט אומאויסגעהאלטענע אינהאלט. אפילו אויב ס'איז 'מידי ראיה יצאנו' איז אבער 'מידי שמועה לא יצאנו'.

ס'איז דעריבער ראטזאם אז ווען מ'גייט אויף אזא פלאץ זאל מען מיטנעמען 'עירפאונס" אדער בלו-טוט', און האבן מיט זיך נומערן פון שיעורי תורה, וואס פאדערט קאנצענטראציע, און מ'קען עס אפילו אויסהערן מיט צוגעמאכטע אויגן. אז מ'צינדט דאס אן געווג הויעך זענען די אויערן פולקאם פארנומען און מ'קען ניטאמאל הערן וואס טוט זיך אין די ארומיגע סביבה.

בכלל איז דאס א גוטע עצה, אויך ווען מ'גייט ארויס אין גאס, אז מ'זאל שטענדיג עפעס הערן מיט עירפאונס, וואס איז מונע אסאך פראבלעמען. ווייל ווען מען שפאצירט אין גאס, און מ'הערט אז א קאר פייפט הויך אדער מענטשן רעדן, אדער סיי וועלכע אנדערע גערודער, האט מען נאטירליך א נסיון זיך איסצודרייען קוקן. אבער אויב מ'הערט גארנישט, ווייל די אויערן זענען פארשטאפט מיט די מאשינדלעך, קען מען רואיג גיין און גארנישט שטערט נישט. מען הערט זיך רואיג דעם דרשה אדער שיעור, און עס פאלט אוועק א גרויסע חלק פון די משיכות זיך ארומצוקוקן.

*דוד ווייס*

•••

## אן עקסערסייז צו טון 'אינדערהיים'

כ'וויל מיטטיילן די ליינער איינס פון 'טכסיסי מלחמה' וויאזוי מ'קען זיך פאסיג אנגרייטן נאך איידער מ'גייט ארויס צו דעם מלחמת היצר אויף די זומערדיגע גאסן.

די געדאנק איז אז מ'זאל 'מאכן עקסערסייז' - דאס הייסט, אז ווען מ'געפינט זיך אין שטוב, זאל מען צוביסלעך זיך אויסלערנען וויאזוי מ'גייט זיך אפהיטן די אויגן אויפ'ן גאס. מ'זאל קוקן אויף די שיך פאר 5-10 סעקונדעס, און נאכדעם אויפהייבן די קאפ פאמעליך און צוביסלעך, ביז מ'קען זען די ערד ארום אין א ווייטקייט פון בערך פיר אמות. און אזוי זאל מען אנהויבן ארומשפאצירן.

דאס העלפט שטארק אז מ'זאל זיך צוגעוואוינען צו האלטן די קאפ אויף אראפ, און ס'זאל זיך נישט דרייען ארויף און אראפ צו אלע זייטן.

בכלל איז זייער וויכטיג אז מ'זאל פאקוסירן אויף די נקודה, צו האלטן די אויגן אויף אראפ אלעמאל ווען מ'גייט אין גאס. ווייל נאכדעם וואס א מענטש שטויסט זיך שוין אן אין די נסיונות, פאדערט זיך שוין א גאנצע התגברות אז ער זאל אוועקקוקן אדער אראפקוקן. די ריכטיגע מהלך איז: אנשטאט זיין פארנומען צו 'לוחם' זיין און אוועקקוקן פון ראיות אסורות, זאל מען ליבערשט זיין פארנומען מיט 'עשה טוב', צו אראפקוקן אגאנצן צייט, וואס דורכדעם קרויזט מען אויס דעם גאנצן יצר הרע, מען טרעפט בכלל נישט אן דעם נסיון.

ס'איז אויך גוט, אז מ'זאל נישט סתם אראפקוקן, נאר מ'זאל אויך פרובירן צו האלטן פארנומען די אויגן דורך קוקן אויף פארשידענע זאכן, צ.ב.ש. אויף די קעסטעלעך פון די סיידוואלקס; אויף די שטיינער אין די זייטן פונעם וועג; אויף די זעקס וואס מ'האלט אין דער האנט. א.א.וו.

ס'קען טאקע נעמען צייט ביז מען איז זיך מרגיל מיט דער הנהגה, אבער נאכדעם וואס מ'איז צוגעוואוינט העלפט דאס זייער שטארק.

*ש. פ. מודיעין עילית*

•••

## א 'שויתי' קארטל נישט ביים עמוד, נאר ביים רעדל...

פאלגנד איז מיין פערזענליכע עצה, וואס האט מיך שטארק ארויסגעהאלפן, ביים דרייוון א קאר, איבערהויפט אין די געפארפולע זומער חדשים.

איך האב ארויפגעקלעבט אויפ'ן רעדל (steering wheel) א קליינע 'שויתי' קארטל, מיט די ווערטער 'שויתי ה' לנגדי תמיד'. און יעדעס מאל ווען ס'קומט אונטער א נסיון, געב איך א קוק אויפ'ן 'שויתי' צו צעברעכן דעם נסיון!

אזוי זאגן דאך חז"ל אז איינע פון די עצות צו בייקומען דעם יצר הרע איז צו ליינען קריאת שמע, וואס דער ציל דערפון איז צו געדענקען דעם אויבערשטן, וואס דורכדעם ווערט בטל דער נסיון. בפרט אויב קען מען אריינקוקן אין דעם 'שויתי' אביסל לענגער, נעמט עס ממש איבער דעם מענטש. עס דערמאנט אים פארוואס ער איז דא אויף דער וועלט.

נאך א גוטע מנהג איז, אז נאך בעפאר מ'גייט אריין אין קאר, איבערהויפט ווען מ'דארף פארן אויף נישט איידעלע פלעצער, זאל מען אפמאכן מיט א שטארקייט אז "זאל זיין וואס זאל זיין, ס'גייט מיך גארנישט אינטערעסירן וואס טוט זיך אויפ'ן גאס, און אודאי גיי איך נישט צוריקטראכטן צי כ'האט יא געזען עפעס צי נישט". אזוי, אז מ'איז גרייט און אפגעמאכט ביי זיך ביים ארויספארן, איז עס אסאך גרינגער דערנאך זיך צו איינהאלטן בעז"ה.

*ב. צ. בערקאוויטש, מאנסי*






גיימיר טון למעשה; **יעדער ווערט א מְזַכֶּה!**

קדשו:

**דע, כי כל יום ויום הבא לקראתך הוא נסיון חדש לך.** יעדן איינציגן טאג, ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי, ווארט דיך אפ נייע נסיונות. **שכך אמרו חז"ל בכל יום ויום מתחדש יצרו של אדם עליו.** אזוי זאגן אונז חכמינו ז"ל אז יעדן טאג באנייט זיך דער יצה"ר מיט א פרישקייט.

**לכן מתחילת כניסת היום השכם והערב לביתו של הקב"ה** - דעריבער גלייך אנהויב יעדן טאג, און אזוי אויך ביי מנחה מעריב, גיי אין בית המדרש. **והתחנן לו שיהיה בצרת נסיונך שלא תכעיסנו, תכנס לשלום ותצא לשלום.** און בעט זיך ביים אויבערשטן אז ער זאל דיך העלפן מיט די אלע סארט נסיונות, אז דו זאלסט אים חלילה נישט מצער זיין, און זאלסט אריינגיין און ארויסגיין בשלום.

**וכן בתחילת השבוע כמו שסדרו בהבדלה: החל עלינו את ששת ימי המעשה הבאים לקראתנו לשלום חשוכים מכל חטא ופשע. יעדן איינציגן טאג דארף מען דאס מתפלל זיין און אויך אנהויב פון יעדע וואך**, ווי חז"ל האבן מסדר געווען אז גלייך מוצאי שב"ק זאל מען דאווענען אז מ'זאל ווערן אפגעהיטן פון אלע חטאים ופשעים. **וכן בתחילת החודש, וכן בתחילת השנה.**

## די צוויי געוואלדיגע בענעפיטן פון תפלה

דער ספר חרדים לייגט אונז אראפ א יסוד, אז א איד זאל קיינמאל נישט אויפהערן צו בעטן פון השי"ת אויף דעם ענין. דאס דארף זיין אונזער תפלה יעדן אנהויב טאג, יעדן אנהויב וואך, יעדן אנהויב חודש און אנהויב יאר.

און אז מ'קלערט אריין איז דא צוויי געוואלדיגע תועלת פון אזא תפלה אויף שמירת עינים, וואס ווערט געבעטן יעדע וויילע: ערשטנס, אז ווען א איד איז מתפלל **העלפט אים טאקע דער אויבערשטער בפועל**, צו זיין שטארק קעגן דעם יצר הרע.

און צווייטנס, די עצם תפלה טאג טעגליך **שטעלט מורא'דיג קלאר אראפ פאר'ן מענטש אז מיר זענען דא אויף א קביעות'דיגע מלחמה.** פונקט ווי קיין שום סאלדאט דרייט זיך נישט ארום אויפ'ן פראנט מיט א פראבלעם אז ס'איז דא א מלחמה, ווייל ער ווייסט אז דאס איז יעצט זיין תפקיד, דערפאר זענען מיר דא, און אויב אזוי לאמיר לוחם זיין מיט א פרישקייט, **והבא לטהר מסייעין לו!**


# העלפן אָן געלט

מיר זענען שטארק אנגעוויזן אויף אידן וואס זענען גרייט צו ארויסהעלפן דעם קאמפיין כדי צו קענען ווייטער מזכה זיין את הרבים, אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט סיי וואס, ביטע רופט אריין צו "טהור עינים":

גיין אין אייער ביהמ"ד | גיין מיט א פושקע-זעקל | ארויסשיקן אן אימעיל פאר אייערע חברים | מאכן טעלעפאן רופן

לינט אינ"!

845.999.4114 עקס. 1-9

זכות הרבים תלוי בך!


## על הטוב יזכר

### זכות 2000 גליונות

לזכות יואל בן חי' לאה וזו' רבקה ראנא בת אסתר מינדל

~~

הר"ר יואל בר"ש קאהן הי"ו לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

### זכות 1000 גליונות

הרה"ח ר' חיים בצלאל בלום הי"ו - // הר"ר אהרן משה פרייד הי"ו // הר"ר יעקב צימערמאן הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט // הר"ר אהרן וויכטער הי"ו לרגל תגלחת בנו למז"ט // הר"ר יהושע זרח גאלדענבערג הי"ו לזכות כל המשפחה // לעי"נ מוה"ר אשר ע"ה ב"ר יעקב עפרם הלוי הי"ו - יארצייט י"ד תמוז // הר"ר משה בר"י אייגנער הי"ו // הר"ר נפתלי משה ווייס הי"ו - לע"נ אמו פרידא צפורה ב"ר נפתלי ע"ה י"ג תמוז // לזכות מוה"ר זאב בן חוה טילא הי"ו // לע"נ הרה"ק ר' צבי הירש ב"ר יצחק אייזיק מזידיטשוב זצ"ל לזכות הנדבן הי"ו // הר"ר יהושע זרח גאלדענבערג הי"ו לזכות כל משפחתו // הר"ר משה ארי' אשכנזי הי"ו // לע"נ חוה יוטא בת יחזקאל צבי ע"ה // הר"ר יואל אליעזר אייזדארפער הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט // הר"ר אהרן וואלף פאלאטשעק הי"ו לרגל נשואי בנו למז"ט

### בחורים זומער פראגראם

הר"ר אהרן משה פרייד הי"ו - // הר"ר שלמה זלמן הארוויטץ הי"ו // הר"ר אברהם אהרן יאקאבאוויטש הי"ו // הר"ר אשר יחזקאל שווארטץ הי"ו // הר"ר ישראל דוד קאפעל הי"ו

בס"ד וועלן מיר אריינלייגן אלע זכותים פון די יעצטיגע טעג נאכן גרויסן קאמפיין, חוץ פון די זכותים וואס זענען נתנדב לע"נ אדער לרגל א שמחה וכדומה

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

## מזל טוב

לכבוד האי גאון הרה"ג ר' יואל גוטמאן הי"ו מו"ץ בסאטמאר קרית יואל לרגל אירוסי בנו למז"ט

~~~

לכבוד האי גאון הרה"ג ר' חיים צבי אשכנזי הי"ו רב דביהמ"ד רב טוב קרית יואל לרגל הולדת בנו למז"ט

~~~

לכבוד ידידינו היקר הרה"ח שמואל אהרן דינגער הי"ו העומד לימינינו בכל עת ועונה לרגל הולדת נכדו למז"ט


טהור עינים

תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בלשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: 732.532.2242

המערכת בספאניש: 054.115.219.8810

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל 07421307356

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין

#1-3 845.999.4114





845.999.4114

מיר ווארטן אויף אייער טעלעפאן רוף!

# הערליכע מתנה פאר'ן 'מְזַכֶּה'




## הערליכן ספר וימאן

אין אידיש

יעדער 'מזכה' וועט באקומען דעם זעלטן

פול מיט חיזוק און ענערגיע אויף אלע נסיונות אין שמירת עינים, מיט א צוגעלאזענע שפראך - שוה לכל נפש

**אלע וואס ווערן א 'מזכה' אויפ'ן טעלעפאן וועט מען אי"ה אפשיקן די מתנה אויפ'ן פאסט**

* אלע אנגייענדע חודש'ליכע נדבנים, וועלן בס"ד ערהאלטן דעם מתנה אויפ'ן פאסט

מירווארטן אויף אייער טעלעפאן רוף!

**845.999.4114**

| | | | |
|---|---|---|---|
| $600 עמוד בגליון | $360 2000 גליונות | $180 1000 גליונות | $25 לחודש מזכה |

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

מְזַכֶּה

$25 לחודש